**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 2 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג פון CUNY'ס ערפאלגרייכער אפּרענטיסשיפּ דעגרי פראגראם

***Bloomberg, Travelers און Northwell Health שליסן זיך אן אין ראנגען פון פירנדע ניו יארק סיטי פירמעס וואס שטעלן צו באצאלטע אפּרענטיסשיפּס פאר סטודענטן***

***סטודענטן אין די אפּרענטיסשיפּ פראגראם ווערן באצאלט, פארדינען קורס קרעדיט און באקומען פראקטישע ארבעט ערפארונג***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פריערדיגע אויסברייטערונג פון דעם פראגראם אלס טייל פון איר פארפליכטונג צו אינוועסטירן אין ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א 2 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אויסברייטערן די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק'ס (City University of New York, CUNY) אסאָסיעטע אין פּראקטישע וויסנשאפט קאלעדזש אפּרענטיסשיפּ פראגראם און פארגרעסערן די צאל פון אפּרענטיסשיפּ געלעגנהייטן פאר סטודענטן. די אינוועסטירונג ערמעגליכט CUNY, בשותפות מיט די New York Jobs CEO Council, צו צולייגן נאך ארבעטסגעבער צו איר נעטווארק פון די וואס שטעלן יעצט צו באצאלטע אפּרענטיסשיפּס פאר סטודענטן וואס לערנען פאר אן אסאָסיעט דעגרי, פארגרעסערנדיג די צאל פון אנטיילנעמנדע פירמעס צו אריינרעכענען אויך Bloomberg, Travelers און Northwell Health. די אויסברייטערונג בויט ארויף אויף [אן ענליכע אינוועסטירונג](#) וואס איז געמאכט געווארן דורך די סטעיט לעצטע יאר וואס האט געשטיצט די אויפשטעלונג פון 12 אפּרענטיסשיפּ פראגראמען אריינגעבויט אין דעגרי פראגראמען דורכאויס די אקאדעמישע יאר פון 2023-2024.

"אפּרענטיסשיפּס זענען א קריטישע כלי פאר פילע מענטשן, אפּפערנדיג פאר סטודענטן די טשאנס צו אנהויבן זייערע קאריערעס בשעת זיי לערנען פאר א דעגרי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די 2 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג, עפענען מיר אויף מער אפּרענטיסשיפּ געלעגנהייטן פאר CUNY סטודענטן און מיר גרייטן אן דעם קומענדיגן דור פון ניו יארקער צו פארזיכערן שיין-באצאלטע דזשאבס אט דא אין אונזער סטעיט."

**CUNY טשענסעלאר פעליקס וו. מאטאָס ראדריגעז האט געזאגט,** "מיר האבן שוין געזעהן גענוי ווי איינפלוסרייך אן אפּרענטיסשיפּ קען זיין פאר א יונגער מענטש וואס לערנט פאר א צוויי-יאריגע דעגרי, און דערפאר איז דאס בלויז פאסיג אז מיר זאלן אפּפערן אפילו מער פון די געלעגנהייטן פאר אונזערע סטודענטן. אלס א באצאלטע וועג צו אנקומען צו א דזשאב מיט א גרויסארטיגע ארבעטסגעבער, קענען אפּרענטיסשיפּס זיין א דירעקטע וועג צו אנקומען וואו זיי ווילן ארבעטן נאך קאלעדזש. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו אינוועסטירן אין די CUNY סטודענטן וואס וועלן פירן ניו יארק'ס צוקונפטיגע ארבעטסקראפט, און מיר זענען דאנקבאר פאר די ארבעטסגעבער וואס נעמען אויף אונזערע

סטודענטן און געניסן אליין פון די בענעפיטן. די לעצטע אויסברייטערונג איז טייל פון CUNY'ס באמיאונגען צו בעסער פארבינדן אונזערע סטודענטן צו די וועלט פון ארבעט און פאראויס רוקן אונזערע סטראטעגישע ציהלן צו אונטערהייבן ניו יארק."

די אפּרענטיסשיפּס וועלן זיין צו באקומען ביי די זיבן CUNY קאמיוניטי קאלעדזשעס צוזאמען מיט די קאלעדזש אָוו סטעטן איילענד, Medgar Evers College און די New York City College of Technology, אלע וועלכע אפּפערן אן אסאָסיעט אין פראקטישע וויסנשאפטן (Associate of Applied Sciences, AAS) דעגרי. אלס אן אריינגעבויטע חלק פון די דעגרי, ערלויבן די באצאלטע אפּרענטיסשיפּס פאר סטודענטן זיך צו פארדינען ניין קרעדיטס בשעת זיי ארבעטן פאר איינס אדער צוויי סעמעסטערס ביי א שותפות'דיגע פירמע. ביי די ענדע פון די ערפארונג איז די כוונה פאר ערפאלגרייכע אפּרענטיסעס צו אריבערגיין צו ווערן פול-טיים ארבייטער. די אינוועסטירונג איז א באדייטנדע אויסברייטערונג פון די צאל אפּרענטיסשיפּס וואס ווערן געאפפערט אין ניו יארק סיטי.

**New York Jobs CEO Council עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קיערסטען בארנעט, האט געזאגט,** "אלס די New York Jobs CEO Council, זענען די פירמעס וואס זענען מיטגלידער פארפליכטעט צו אוועקנעמען שטערונגען צו אנקומען צו אנהויבנדע ראלעס. פירמעס ווי Bloomberg, Travelers און Northwell Health גלויבן אז די אפּרענטיסשיפּ מאדעלן שאפן געררעכטע צוטריט צו שיין-באצאלטע ראלעס בשעת'ן שטיצן זייערע סטראטעגיעס פארן אויפנעמען ארבייטער אין אנהויב פון זייער קאריערע."

אפּרענטיסשיפּס וואס ווערן געאפפערט דורך די אנגייענדע אויסברייטערונג וועלן שטיצן הונדערטע סטודענטן — רוב פון וועלכע זענען אין AAS דעגרי פראגראמען, צוויי יאריגע פראגראמען וואס זענען אויסגעשטעלט צו צוגרייטן סטודענטן צו דירעקט אריינגיין אין א קאריערע נאכן גראדואירן. אין פארגלייך, שטופן אנדערע אסאָסיעט דעגריס סטודענטן צו אריבערגיין צו א בעטשעלאר'ס דעגרי פראגראם.

CUNY האט פריאריטיזירט די פארברייטערונג פון ארבעטסקראפט אנטוויקלונג איניציאטיוון פאר אירע סטודענטן און גראדואירטע. די באמיאונגען רעכענען אריין פארמערן שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן מיט א 16 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די CUNY אינקלוסיווע עקאנאמיע איניציאטיוו (Inclusive Economy Initiative); טרענירן סטודענטן פאר פינאנציעלע קאריערע דורך CUNY צוקונפט אין פינאנץ (Futures in Finance); און פלאצירן סטודענטן אין רעגירונג סעקטאר און נאָנ-פּראַפיט דזשאבס דורכאויס דעם זומער דורך CUNY קאריערע אנהויב (Career Launch). טשענסעלאר מאטאָס ראדריגעז דינט יעצט אלס א פארזיצער פון די סיטי'ס 'צוקונפט פון ארבייטער' איינהייט (Future of Workers Task Force) וואס איז באאויפטראגט געווארן דורך מעיאר עדעמס צו טרעפן וועגן וויאזוי צו אויפבויען די ארבעטסקראפט, אריינרעכענענדיג דורכן אויסברייטערן אפּרענטיסשיפּ געלעגנהייטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן